# סצענע 7 א'
# Escena 7 A

## רייזל אין שיינהײַט זאַל (סאַלאָן)
## Reizl en el salón de belleza

רייזל - מאַמע, וואָס טוען מיר דאָ ?

גאָלדע - טאָכטער, עס קומט אַ צײַט אין אַ מיידלס לעבן, ווען זי דאַרף עס טאָן...

רייזל - אָבער ... פֿאַרוואָס איך ????! פֿאַרוואָס איצטער ???

גאָלדע - רייזעלע מײַן קינד, איך וויל דיר זאָגן אַז הײַנט, וועסטו ווערן אַ פֿרײַלין !

רייזל - אַ פֿרײַלין ... דאָ ????

גאָלדע - יאָ, דאָ מײַן טאָכטער, אין שיינהײַט זאַל, וועסטו ווערן אַ שיינע פֿרײַלין.

רייזל - איז זאָג מיר מאַמע, וואָס בין איך ?

גאָלדע - אַ, דו ביסט אַ שיין מיידל, אָבער דאָ, וועט מען פֿון דיר מאַכן אַ שיינע פֿרײַלין !

שיינדל - גוט מאָרגן, פֿרוי גאָלדע, ווי אַזוי קענען מיר אײַך העלפֿן ?

גאָלדע - גוט מאָרגן שיינדל. איך קום מיט מײַן טאָכטער רייזל איר זאָלט פֿון איר מאַכן אַ שיינע פֿרײַלין. ערשטנס וויל איך, מע זאָל איר אָפּשערן די האָר.

רייזל - אוי געוואַלד ! אָפּשערן מײַנע פרעכטיקע לאַנגע האָר ?

שיינדל - זאָרגט זיך נישט, פֿרײַלין. אײַערע האָר זײַנען שיין, אָבער זיי וועלן זײַן נאָך שענער מיט אַ מאָדערנער פֿריזור.

רייזל - אָבער מײַנע האָר געפֿעלן מיר אַזוי ווי זיי זײַנען, ביז דער טאַליע...

שיינדל - איך וועל אָפּשערן די האָר ביז די אויערן אָדער ביז די אַקסלען, און אַזוי וועסטו האָבן אַ מאָדערנע פֿריזור.

גאָלדע - רייזל, שיינדל איז גערעכט. אַ פֿרײַלין דאַרף טראָגן קורצע האָר. אַזוי איז מאָדערן.

שיינדל - זייער גוט. איך וועל אָנהייבן צוואָגן די האָר.

איצט וועלוול, ברענג די שער.
פֿרוי גאָלדע, איר ווילט אַז מיר זאָלן איר אויף פֿאַרבן די האָר ?

רייזל - פֿאַרבן ? ... ! אוי, געוואַלד ! וואָס עפּעס פֿאַרבן !!! איך בין נישט קיין שטוב, און נישט קיין פּאַיאַץ ! איך דאַרף קיין פֿאַרבן נישט האָבן !

גאָלדע - ניין, נישט פֿאַרבן. בלויז צוואָגן, אָפּשערן, אויסטריקענען און פֿאַרקאַמען.

שיינדל - אויב אַזוי , לאָמיר אָנהייבן שערן...

אויך ... מיט די שערעלעך מיר שערן
מיט די פֿאַרבן מיר פֿאַרבן
און מיר מאַכן אַ שיינע פֿריזור.

שיינדל - שיין, זייער שיין. וואָס זאָגסטו ? אָט דאָ איז אַ שפּיגל.

רייזל - מממ, נישט שלעכט.

שיינדל - לאָמיר איצט אויסטריקענען און פֿאַרקאַמען די האָר. וועלוול,ברענג אַ קעמל און אַ בערשטל.

רייזל - ווייסט, מאַמע... אַז מיר זײַנען שוין דאָ אין שיינהײַט זאַל, וויל איך אַ מאַניקיור אויך. איך וויל שיין מאַכן מײַנע נעגל... שיינע פֿינגער... אפֿשר אַזוי...

גאָלדע - אפֿשר אַזוי, ועסטו אויף דײַן פֿינגער טראָגן אַ שיין רינגל !